# פון ליפּ צו ליפּ

זופּ אוים דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק,
אונ גיך גיב דעם כוס צו אַ'ן אַנדערן;
פון ליפּ צו ליפּ און פון מויל צו מויל,
זאָל אייביג דאָס וויין־געפעס וואַנדערן...

צי האָט עס דיר גיפט אין דיין הערצען געלאָזט,
און דו ביזט אין פּיין פון דער גסיסה?
צי האָט עס אַ דורשט אין דיין גומען צוברענט,
און דו שמאַכטסט נאָך די טראַנקען די זיסע?

עס פרעגט דיך ניט מעהר און עס קימערט זיך ניט —
ד ו האָסט שוין דיין חלק געקריגען,
דאַן וויין אָדער לאַך, דאַן בענש אָדער פלוך
דעם נעכטיגען טאָג'ס פאַרגעניגען...

דרום זופּ פון דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק,
און גיך גיב דעם כוס צו אַ׳ן אַנדערן,
פון מויל צו מויל און פון ליפּ צו ליפּ,
זאָל אייביג דאָס וויין־געפעס וואַנדערן...

1909